בעזרת השם יתברך

קונטרס

# ניכרין דברי אמת

די קלארע אמת'ע פאקטן איבער די גאר-מהודרדיגע

## "אריזאנע ווייץ"

**לויט די פאראייניגטע דעת תורה פון אלע גדולי תורה והוראה**

ארויסגעגעבן דורך:

**ועד לחיזוק הידורי מצוה**

ניסן תשע"א - פה בארא פארק, ניו יארק

# הקדמה

אין שאטן פון די פאלשע שערורי' וואס געוויסע מענטשען האבען פארשפרייט וועגן די אריזאנא מצות, וואס באמת האבען די רבנים שליט"א וועלכע באגלייטען דעם ענין די גאנצע צייט געהאלטען, אז עס איז זינלאז אפצוענטפערן אזעלכע לעכערליכע הבלים, טראץ דעם האבען כמה רבנים מעורר געווען, אז היות אז נישט אלע וואס קויפען די מצות זיינען דוקא באהאווענט אין דעם נושא, איז נישט מער ווי רעכט, ארויסצוקומען מיט א מודעה אז די מצות זענען פון חיטים היותר מהודרים בתכלית ההידור, און עס איז אין דעם נישטא אפילו קיין שמץ והוה אמינא פון קיין שאלה, אבל יש כאן כמה זייטיגע אינטערעסען, וואס, טראץ דעם וואס עס נישט קלאר אין וועלכען חלק פון שולחן ערוך זיי גייען אריין, איז אבער זיכער אז אין הלכות פסח האט דאס קיין שייכות נישט.

**לצורך זה איז מען זיך צוזאמען געקומען אויף אן אסיפה, און עס איז דארט אויסגעדריקט געווארען א מחאה אויף כבוד התורה פון די רבנים וואס זענען די מכשירים אויף די בעקערייען וואס נוצען דאס, וואס צווישען זיי איז דא רבנים וואס טויזענטער אידען ממש פארלאזען זיך אויף זייער השגחה אויף אנדערע פראדוקטען, און דא קומט מען צוגיין און מען שעמט זיך נישט אפדרוקען אין א צייטונג אז די רבנים ווייסען נישט אפילו דעם אל"ף בי"ת פון שניידען ווייץ, ווען אנדערע פון די רבנים גיבען שוין א השגחה אויף זייער מצה בעקעריי צענדליגער יארן.**

אין די בלעטער איז אויך פארעפענטליכט געווארן א בריוו פון א דר. סאנטשעז, אין וועלכען ער כלומר'שט מאכט א גרויסע פראגע צייכען וועגען די מצות, ביי די אסיפה איז פארגעליינט געווארען א לענגערן בריוו אין וועלכען דער דר. סאנטשעז איז מסביר וואס ער האט געמיינט, און אז ער זעט יעצט אז ער האט געשריבען פאר מענטשען וועלכע האבען נישט די נויטיגע קענטעניס וועגען אגריקולטור, און בתוך הדברים שרייבט ער אז דער גאנצער נידון איז לויט די טבע פון אגריקולטור לעכערליך ממש פאר יעדען וואס האט עפעס קענטעניש אין דעם ענין, און אז די טומלערס האבען גארנישט פארשטאנען זיין בריוו.

עס איז אויך אויסגעדריקט געווארען שטוינונג ווי מען האט מסלף געווען דעם בריוו פון הגאון רבי משה שטערנבוך שליט"א, און פון הגאון רבי פישל הערשקאוויטש שליט"א, עד כדי כך אז זיי האבען געפונען פאר נויטיג צו שרייבען א מכתב הכחשה.

מיר דרוקען אפ דא א מודעה וואס איז געחתמ'ט געווארען דורך די רבנים וועלכען זיינען גוט באקאנט מיט דעם סדר אין אריזאנא, און צווישען זיי אזעלכע וואס זענען שוין געווען אין אריזאנא

מערערע מאל.

עס איז מערקווירדיג אנצודייטען צוויי נקודות:

א) דער טשעבינער רב זצוקללה"ה אין שו"ת דובב מישרים, אין דעם חלק ד' וואס מען האט יעצט געדרוקט [דאס איז שוין אויך פריער געווען געדרוקט מכתב ידו אין ספר הזכרון "זכר שלמה", עמוד תס"ג], פסקענט אז וויבאלד אז די טרערען פון א מענטש זענען געזאלצען, מעג מען שבת וויינען על גבי קרקע, או עס איז נישט קיין חשש זורע, ווייל רש"י אין תענית ד' ט' ע"ב זאגט אז מים מלוחים זענען נישט מצמיח, און עס וואלט זיך געפאסט אז כדי להסיר מכשול זאלען די מערערים צושרייבען אויף דעם גליון "במה דברים אמורים כשאינו באריזאנא", ווייל לדבריהם קענען דארטען וואקסען טאנען פון געוויקסען וועלכע ווערן לדבריהם באוואסערט מיט מים מלוחים, וסמך גדול לזה מה שמקובל מ"תלמיד חכם" אחד, וועלכער האט מגי' געווזען אין שלחן ערוך יו"ד סי' צ"ד וואו עס שטייט "התוחב כף חולבת בקדרה של בשר או איפכא וכו'", האט ער צוגעשריבן "צריך לומר שהי' כף גדול מאד", זעהן מיר דאך אז דארט וואו מען קען א טעות האבען דארף מען מגי' זיין.

ב) להבדיל, דער דר. סאנטשעז שרייבט אין זיין בריוו אז דער עיקר "געלט מאכער" פון די דארטיגע אגריקולטור איז לעטוס, וואס דאס איז מורא'דיג עמפינדליך צו זאלץ, זעט אויס אז די מענטשען דארטען אין אריזאנא האבען עפעס א נאטור אז זיי זוכען צו חרוב מאכען זייערע אייגענע פרנסות!.

**בקצרה, די רבנים האבען אלע אויסגעדריקט זייער מיינונג אז דער גאנצער ענין איז פשוט "לא דובים ולא יער", און די וואס האבען - אדער די וועלכע גייען נאך - באקען פון די מעל, זאלען וויסען אז דאס איז מהודר ביותר. וואס די כוונה פון די מערערים איז, לאזען מיר צו די לייענערס צו זאגען אין דעם פשטים, "ולקוראים פתרונים".**

וואס זאלען מיר זאגען, אוי לנו שכך עלתה בימינו, ווען אידען וועלכע זוכען נאר צוצוגעבען נאך א הידור אין די מצוה חביבה פון מצה, וואס כידוע אז דער הייליגער חת"ס זצוקללה"ה זאגט אז דאס איז די איינציגע מצות אכילה דאורייתא וואס איז אונז געבליבען - זאל מען זיך אויף דעם פארלייגען מיט כל מיני הבלים און סילופים, מען זאל זיך נישט אפהאלטען פון בעקיפין באשולדיגען אין א צייטונג אז א חשובער רב שליט"א וועלכער איז באקאנט במיוחד פאר זיין ערליכקייט, האט פאלש געפרעגט א פראגע כדי צו קריגען דעם ענטפער וואס ער האט געוואלט - זאל מען זיך נישט שעמען איבערצוזאגען אין נאמען פון א חשובען רב שליט"א וואס איז באקאנט במיוחד אלס א גרויסער דייקן בדיבורו, פונקט פארקערט פון דאס וואס ער האט געזאגט - זאל מען נעמען רבנים חשובים שליט"א וועלכע זיינען שוין לאנגע יארען מורי הוראה מובהקים, און מען איז מרנן אויף זיי נישט מער און נישט וויניגער נאר אז זיי זענען מאכיל חמץ בפסח רח"ל, די זאך איז אומדערהערט און למטה מכל ביקורת, און אזא עלבון וסילוף התורה ווייזט באשיינפערליך אויף די מאטיוועז פון די מוציאי דיבה אויף א דבר מצוה מהודרת ביותר, והוא רחום יכפר עון, אכי"ר.

# גילוי דעת תורה

## מאת הרבנים הגאונים שליט"א

בס"ד

הנה בדבר ששמענו על חיטי אריזאנע,

**הננו להודיע שאין לזה שום שייכות למציאות הענינים ואין בהדברים שום ממשות.**

החטים הנ"ל הם מהודרים מאוד וראויים למהדרין מן המהדרין.

ועזבעה"ח ר"ח ניסן תשע"א לפ"ק

**ישראל צבי ברוידא**
אבד"ק שערי אורה ב"פ

**געציל בערקאוויטש**
דומ"ץ קרית יואל

**אלימלך צבי ארי' בערנשטיין**
מו"ץ סאטמאר ומסב"ג

**אהרן גרינוואלד**
דומ"ץ פאפא

**צבי הײלפערן**
דומ"ץ וויען ב"פ

**בן ציון יעקב הלוי וואזנער**
אב"ד שבט הלוי מאנסי

**אברהם צבי הלוי וואזנער**
אבד"ק קיט"ל סאטמאר מאנסי

**משה מנחם ווייס**
דומ"ץ פאפא

**אפרים שמעון לייכטאג**
דומ"ץ קיט"ל 15'טע עוו.

**אלי' סימאן**
ר"מ מתיבתא תו"י דסאטמאר

**ברוך שווארץ**
דומ"ץ שפע חיים ורב קהל עדת חסידים מאנסי

**יחיאל שטיינמעץ**
דומ"ץ וויזניץ מאנסי יצ"ו

**בנציון הכהן שטראסער**
אבד"ק נייטרא ב"פ

(החתימות לפי סדר הא"ב)

## בילדער פון די

# אסיפת הרבנים

## ליל שישי תזריע תשע"א:



# דער קלארשטעלונג בריוו פונעם דאקטאר סאנטשעז

THE UNIVERSITY OF ARIZONA.

Yuma Agricultural Center
College of Agriculture and
Life Sciences

6425 W. 8th Street
Yuma, AZ 85364-9623
Tel: (928) 782-3836
Fax: (928) 782-1940

March 28, 2011

Re: Salinity

Dear Rabbi Yisroel Tzvi Brody:

I am writing this letter to clarify what seems to be a misunderstanding concerning salts in the lower Colorado River Region. I have received a number of calls on this issue over the past several weeks from the East Coast but there seems to be continued confusion. I now realize that these inquires were made by some who have a limited understanding of soil chemistry and plant physiology and that I seemed to have failed to adequately address their concerns in previous correspondence. I will try again to address these issues.

The mineral salts in the river system are derived from weathering of the geomedia in the watershed of the basin. These salts include Ca (calcium), Mg (Magnesium), Na (sodium), K (potassium), Cl (chlorine), SO4 (sulfates), carbonates and bicarbonates. **The term "salt" is not synonymous with NaCl, although both Na and Cl are among the salts in the mix.** This is typical of river systems in arid regions including the Nile, the Jordan, the Tigris, and the Euphrates, to name only a few. Salts can also potentially accumulate in the soil as water evaporates from the surface, leaving the salts behind. Evapotranspiration in our area approaches or exceeds 2 m. In fact, in mud flats you can sometimes visibly see salts as a white dust on the soil's surface.

However, this is not the case in agricultural fields since these fields are managed to keep salts below a threshold that is problematic for crop growth. Before the Hoover dam was built, field flooding due to melting ice and snow occurred (similar to flooding of the Nile River). Now that the river is controlled, purposeful over-irrigation achieves the same objective as natural flooding.

Total salt in the river at the Yuma Diversion are about 1.2 dS/m (about 700 parts per million). The concentration in the production soils are usually 1.5 times this amount (about 1050 ppm). **High salts in the root zone would negatively affect plant growth.** We manage fields so that this does not happen. The threshold for wheat is 4.5 dS/m in the saturated paste soil extract. We keep salts below this level primarily through leaching with excess water and deep tillage to facilitate internal drainage. Also, there is an open drain network to carry the drainage water away from the fields. Plants have internal mechanisms to regulate salt uptake. This mechanism excludes Na when it is present in problematic concentrations. However, the ratio of Na to Ca and Mg in the Colorado River which is used for irrigation of the Yuma fields is not problematic despite the fact that the river water is untreated.

While it may be possible that grain produced in our area has subtle increases in **"mineral"** salts over that produced in more humid regions, I personally have no access to such comparisons. I was told this is so by one or more of the callers. However, this is not

1

Arizona's First University - Since 1885.

a certainty because plants in humid regions also take up a given amount of salts often applied as fertilizers. Even if mineral salts in grain were slightly elevated in the arid regions, **it would not be at levels one could discern by taste, nor in amounts sufficient to impact dough characteristics, or in amounts affecting a Na restricted diet.** In fact, the wheat produced in the southwestern desert would likely have chemical characteristics similar to that produced in the Middle East rather than that produced in humid regions.

Please be aware that at my laboratory, here at the University of Arizona, we analyzed wheat and matzoh samples sent in by a Mr. Ezriel Mayer Kohn from a bakery at 427 Broadway in Brooklyn, N.Y. My lab also analyzed Arizona wheat and matzoh baked with Arizona wheat. We measured the electrical conductivity of a saturated paste extract, similar to the test we use for soils, after grinding the matzoh and wheat into a fine powder. The lab results showed that the saturated paste extracts of the Broadway wheat tested a conductance of 5.89 dS/m (approximately3769 ppm salts) and the Arizona wheat tested a conductance of 5.34 dS/m (approximately 3417 ppm salts). The Broadway matzoh tested a conductance of 3.58 dS/m (approximately 2291 ppm salts) and the Arizona matzoh tested a conductance of 3.92 dS/m (salinity level of approximately 2508 ppm). Taking into account that we are dealing with **parts per million,** this substantiates what I wrote earlier, that one cannot discern any trace of salinity or salt in any of the samples. It seems odd to me, seeing that there is no problem with New York wheat with an approximate salinity level of 3769 ppm and Arizona wheat with an approximate salinity level of 3417 ppm, that there should be a problem with Yuma soil with a salinity level of 1050 ppm and Colorado water with a salinity level of 768 ppm.

Please explain to your colleagues in New York that, while I have written this lengthy letter out of respect for the Rabbinate, this issue is quite ludicrous to any professional in the field of agriculture. I find it virtually impossible to believe that anyone can detect a saline taste in any of the wheat or matzohs tested in my laboratory regarding this issue.

Please note that the main Yuma tap water source is the Colorado River which is not treated to remove salinity. **Furthermore, please be aware that our cash crop in Yuma is lettuce, which is highly sensitive to salt(s). We therefore need the soil salinity to be low.**

I hope this clarifies the issues you raised with me. If you need further clarification, do not hesitate to contact me.

Regards

Charles A. Sanchez
Professor of Soil, Water, and Environmental Sciences
Director-Yuma Agricultural Center
6425 W. 8th Street
Yuma Arizona, 85364

2

# פרייע אידישע איבערזעצונג
# אין די קומענדיגע בלעטער

# אידישע איבערזעצונג

## ווארט-ביי-ווארט

איך שרייב אפ דעם פאלגענדן בריוו קלארצושטעלן וואס עס זעהט אויס צו זיין א מיספארשטענדעניש בנוגע זאלץ אין די נידריגע קאלאראדא-וואסער ראיאן (געגנט). כ'האב ערהאלטן אין די לעצטערע עטליכע וואכן א צאל טעלעפאן-רופן פון די מזרח בארטן (עיר נוא יארק השוכנת בחוף הים במזרח ארה"ב) איבער די נושא, אבער עס זעהט אויס אז ס'הערשט א אנגייענדער צעמישעניש דערוועגן. אצינד הויב איך אן צו אנערקענען אז די פראגעס און חקירות זענען געפרעגט געווארן דורך אזעלכע וועלכע האבן א איינגעצוימטן-פארשטענדעניש איבער ערד-כעמיסטעריע און געוואוקס-פיזיאלעדזשי (פיסיאלאגיע) און איך זעה אז איך האב זיי נישט גענוג גוט אדרעסירט זייערע זארגן אין מיינע פריערדיגע ערקלערונגען. דעריבער וועל איך ווידעראמאל פרובירן צו אדרעסירן די טעמעס:

די זאלץ מינעראלן אין דעם טייך סיסטעם ווערן אויפגענומען דורך די וועטערינג (מיזוג האויר) פון די געאמידיא (דעם לאנד טייל און די געגנשטאנדן ווי ערד און שטיינער) אין די וואסער-גאנג פון דעם באסיין. אין דעם זאלץ איז נכלל Ca (קאלסיום), Mg (מאגנעזיום), Na (סאדיום), K (פאטאסיום), Cl (קלאריין), So4 (סאלפעיטס), קארבאנעיטס און ביקארבאנעיטס.

דער אויסדרוק 'זאלץ' גייט נישט געבינדן מיט NaCl, כאטשיג סיי Na און סיי Cl געפונען זיך אינעם זאלץ-געמיש. דאס איז דער נאטור פונעם טייך-סיסטעם אין טרוקענע מקומות ארייגערעכנט דעם נילוס, ירדן, חידקל, און נהר פרת, און נאך אנדערע.

זאלץ קען זיך אויך דערנאך צוזאמקלויבן אין דעם באדן ווי דאס וואסער ווערט וועפערייזט (אויסגעדאמפט) אינעם אויבערפלאך, איבערלאזנדיג דאס זאלץ אונטער זיך. דאס וועפערייזן אין אונזער געגנט איז נאנט אדער ארויף 2 m. אין פאקט, אין א בלאטעדיג פלאץ, איר קענט צו מאל קלאר זען די זאלץ (מינעראלן) ווי א ווייס שטויב אויף דעם באדן אין אויבערפלאך (אויף די ערד).

**אבער! דאס איז נישט דער פאל אין לאנדווירטשאפטלעך (אגריקולטשורט) פעלדער, (אז עס**

**זאל זיין זאלץ אויף די ערד), ווייל די פעלדער זענען געמענידזשט צו האלטן די זאלץ אונטרן גרענעץ וואס איז פראבלעמאטיש פארן וואוקס פון די תבואה.** בעפאר די 'האווער-דאמבע' (וואס קאנטראלירט דאס וואסער פונ'ם קאלאראדא ריווער) איז אויפגעבויט געווארן זענען די פעלדער פארפלייצט געווארן (פונ'ם טייך וואס האט איבערגרינען) פון אייז און שניי וואס האבן זיך צעלאזט (ענליך צו די פארפלייצונגען פונעם נילוס טייך [וואס האט אזוי אנגעטרינקען די פעלדער]). אבער אצינד אז דער טייך איז קאנטראלירט, איז דער ציל פון די איריגעישאן (השקאה - באוואסערן) די זעלבע ווי די נאטורליכע פלאדינג (פארפלייצונגען).

דער ס"ה פון זאלץ וואס געפונט זיך אינעם טייך אינעם יומא-געגנט גרייכט בערך (1.2 ds\m dissolved solid אויפגעלאזטע מינארלן) (בערך 700 חלקים פער מיליאן!). די קאנצענטראציע אין דער פראדוקציע-ערד איז געווענטליך 1.5 מאל דעם צאל (בערך 1050 פארטס פער מיליאן). הויכע זאלץ אינעםווארצל-זאנע (וואו מען פלאנצט איין) וואלט שלעכט אפעקטירט (געשעדיגט) די פלאצונגען-וואוקס. און דעריבער פארזיכערן מיר אז דאס זאל נישט פאסירן. די ענדע-נומער פאר ווייץ איז 4.5 ds\m אין די ערד. מיר האלטן שטענדיג די זאלץ אונטער דעם לעוועל דורכן באוואסערן מיט א סאך וואסער און עס אריינדרינגען טיף צו פארמיידן עס זאל אינערליך אריין רינען. אויך געפונט זיך א אפענער רינשאטק-נעץ אוועקצוטראגן די דרעינעדזש-וואסער פון די פעלדער. געוואוקסן האבן אין זיך אינערליכע כוחות צו רעגולירן דעם זאלץ-אפטייק. דער כח איז צו פארמיידן na (סאדיום) ווען עס איז פארהאן א פראבלעמאטישער קאנצעטראציע. עכ"פ, די צוגאנג פון na צו ca און mg אינעם קאלאראדע-ריווער - וואס ווערט באנוצט צו באוואסערן די יומא-פעלדער איז נישט קיין פראבלעם, טראץ דעם פאקט אז די וואסער ווערט נישט באהאנדלט.

כאטשיג עס קען מעגליך זיין אז תבואה וואס ווערט פראדוצירט אין אונזער געגנט פארמאגט העכערונגען אין "מינעראל" זאלץ מער ווי אין אנדערע פייכטע געגנטער, האב איך אבער נישט קיין שום צוטריט צו אזא צושטעל (השוואה). איך בין אנגעפרעגט געווארן דורך איין אדער מער פון די אריינרופער. אבער, ס'איז נישט קלאר אז דאס איז א זיכערע זאך ווייל די געוואוקסן אין נאסע מקומות נעמען אויך אריין אין זיך א היפשער מאס פון זאלץ וואס מען לייגט אפט אריין אין די פערטילייזער'ס. **אפילו אויב די "מיניראלע" זאלץ אין די תבואה זאל זיין א טראפ העכער אין די טרוקענע מקומות, איז עס אבער נישט אויף א שטאפל אז עס זאל קענען געשפירט ווערן אויפן טעם, און עס איז אויך נישט גענוג א גרויסע מאס אז עס זאל האבן סיי וועלכן אפעקט אויפן טייג, אדער עס זאל אפעקטירט אויף א געצוימטע na דיעטע.**

אין פאקט, די ווייץ וואס ווערט פראדוצירט אין די טרוקענע מקומות אין מערב האט לכאורה פיל מער ענליכקייטן צו די ווייץ וואס ווערט פראדוצירט אינעם מיטל-איסט (ארץ ישראל) ווי איידער דאס וואס ווערט פראדוצירט אין די נאסע געגנטער.

ביטע זייט אויפמערקזאם אז אין מיין לאבערטאריע, דא אינעם אונעווערסיטי פון אריזאנע, האבן מיר אנאליזירט סעמפלס פון ווייץ און מצה וואס זענען אריינגעשיקט געווארן דורך א מר. עזריאל מאיר קאהן פון א בעקעריי ביי 427 בראדוועי אין ברוקלין נ.י.. מיין לאבערטאריע האט אויך אנאליזירט אריזאנע-ווייץ, און אזוי אויך מצה וואס איז געבאקן געווארן מיט ווייץ פון אריזאנע, מיר האבן אפגעמאסטן די עלעקטעראנישע קאנדאקטיוועטי, פון די טייג עקסטראקט (תמצית) ענליך צום די טעסט וואס מיר באנוצן זיך אפצומעסטן די ערד, נאכן צומאלן די מצה און ווייץ צו דינע שטויב, **די לעב-רעזולטאטן האט געצייגט אז די טייג עקסטראקט פון די בראדוועי-ווייץ איז געווען 5.89 ds\m** (בערך 3769ppm זאלץ) **אנטקעגן אריזאנע-ווייץ וואס איז געווען 5.34 ds\m** (בערך 3417ppm זאלץ). **די בראדוועי מצה איז ארויסגעקומען 3.58 ds\m** (בערך 2291ppm זאלץ) **אנטקעגן אריזאנע מצה וואס איז ארויסגעקומען 3.92 ds\m** (בערך 2508ppm).

אויב זאלן מיר נעמען אין חשבון אז מען רעדט דא פון "חלקים אין מיליאן", וועט דאס איבערצייגן דאס וואס איך האב פריער דערמאנט, אז קיינער קען נישט שפירן אפילו א שמץ פון א זאלציגקייט אדער זאלץ אין קיין איינע פון די סעמפל'ס.

**עס קוקט מיר אויס מאדנע, זעענדיג אז עס איז נישטא קיין שום פראבלעם מיט ניו יארקער ווייץ ווען עס ווערט אפגעשאצט אויף א זאלץ-הויכקייט פון בערך 3769ppm בשעת אריזאנער-ווייץ ווערט געשאצט בלויז אויף 3417 ppm און אין די זעלבע צייט מוז זיין א פראבלעם מיט די יומא-ערד ווען די זאלץ-נידריגקייט ווערט געשאצט בערך 1050ppm און די קאלאראדא-וואסערן מיט א זאלץ-נידריגקייט פון בלויז 768ppm.**

ביטע ערקלער פאר דיינע קאלעגעס אין ניו יארק אז, בשעת איך האב אפגעשריבן דעם לאנגן בריוו אויס רעספעקט פאר די רבנים, איז אבער די נושא זייער לעכערליך ביי אלע פראפעסיאנאלן אינעם פעלד פון לאנדווירטשאפט (אגריקאלטשור). **איך שפיר עס איז כמעט-אוממעגליך צו גלייבן אז עמיצער זאל געקענט האבן געשפירט א זאלץ-טעם אין קיין איינע פון די ווייצן אדער מצות וועלכע זענען אפגעשאצט געווארן אין מיין לאבערטאריע בנוגע די נושא.**

ביטע זייט וויסן אז די הויפט וואסער-מקור אין יומא איז די קאלאראדע טייך וואס ווערט נישט באהאנדלט אוועקצונעמען זאלץ. **נאך מער, ביטע זייט וויסן אז אונזער געלט-תבואה אין יומא איז 'לעטעס', וואס איז זייער סענסיטיוו צו זאלץ. דעריבער פאדערט זיך שטענדיג אז די ערד-זאלץ זאל שטענדיג זיין נידעריג.**

איך האף אז דאס וועט קלארשטעלן די נושא וואס איר האט אויפגעברענגט, אויב נויטיגט איר זיך אין פרישע קלארשטעלונגען, האלט אייך נישט צוריק פון זיך פארבינדן מיט מיר.

# עדות נאמנה

## איבער די רצון קדשו פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע מהדר צו זיין אויף אריזאנע מצות

בעזהשי"ת. כ"ו ניסן ה'תשס"ט.
יומא דהילולא דכ"ק אאזמו"ר הרה"ק מהרח"א זצוקללה"ה מזידיטשוב

הרה"ח וו"ח עוסק בצ"צ באמונה וכו'
מו"ה יהושע ווערצבערגער שיחי'
פה מאָנטריאָל יצ"ו

שלו' וברכה!

כאשר נתבקשתי ממע"כ נ"י להעלות על הכתב נועם שיח שהי' בין כ"ק אדמו"ר הרה"ק מסאטמאר זצוקללה"ה ובין אא"ז כ"ק אדמו"ר הרה"ק מבאסטאן זצוקללה"ה בענין ההשתמשות בקמח הנעשה מחיטי אַריזאָנא למצות מצוה (אשר כידוע מזג האויר שם יבש במשך זמן הקצירה והמן מה לפני כן ומתמעט עי"ז במדה מרובה חששות של חימוץ וכו'). הדיבורים נעתקו מרשימותיו של כ"ק אאמו"ר הרה"צ שליט"א שהי' נוכח בשעת מעשה ושמע דברים כהוייתן מפ"ק של כ"ק הרה"ק מסאטמאר זי"ע.

השיחה ביניהם היתה כאשר ביקר כ"ק אאזמו"ר זי"ע אצל כ"ק אדמו"ר מסאטמאר זי"ע, אשר כידוע הי' ביניהם קשרי אהבה וידידות רב מאז בואו לאמעריקא, וכ"ק אאזמו"ר זי"ע עמד לימינו ועזר לו בהרבה ענינים בגודל הערצה וחבת הקודש יהיו מבקרים זא"ז מספר פעמים בשנה.

באותו ביקור פתח הרה"ק מסאטמאר זי"ע ואמר לכ"ק אאזמו"ר זי"ע: **"באָסטאָנער רבי, הרי כבר זמן רב אתם מעוררים על החשיבות של קמח מחיטי אַריזאָנא למצות מצוה, ב"ה שנה זו בפעם הראשונה הצלחנו לסדר קמח מחיטים אלו להחפצים להדר בזה". צכתדה"ק.** ושמעתי מכ"ק אאמו"ר שליט"א שדיברו אז באריכות בענינים שונים והרבי זי"ע הי' בדיחא דעתי' ובאנפין נהירין והביע קורת רוח ושביעת רצון שעלה בידו בטירחא מרובה לסדר הידור זה. ע"כ תוכן הרשימה הנוגע לענינו.

בברכה להצלחה וכט"ס,

**הק' לוי יצחק הלוי הורוויץ**
באאמו"ר כ"ק הרה"צ מבאסטאן שליט"א

# עדות נאמנה

## איבער די אריזאנע שניט בימי הרה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע

בס"ד

אסרו חג הפסח תשס"ט

**לכבוד ידידי מוה"ר ר' יהושע ווערצבערגער שליט"א עוסק בצרכי ציבור באמונה.**

אזוי ווי איר האט געבעטן איך זאל אייך אראפשרייבן פון וואס איך געדענק אלס קינד ווי עס איז צוגעגאנגן די "קצירת חיטים" אין אריזאנא. וועל איך בעזהי"ת זיך משתדל זיין דאס צו טוהן און נאר ברענגן די פרטים וואס איך געדענק קלאר, און וואס זענען נוגע בעיקר וואס מען קען זיך לערנען פון די ערליכע אידעלע התנהגות פונעם פריעדיגן דור וואס איז א שאד עס זאל פארגעסן ווערן, און דערפאר שרייב איך דאס אין אידיש כדי עס זאל זיין פארשטענדליך פאר יעדן.

עס זענען אנגעקומען קיין טוסאן צוויי שלוחים פון סטמאר אלס משגיחים בשעת די קצירה זיי זענען געווען שוין גרייט נאכן דאווענען זייער פרי, ווייל ביז די ווייץ פעלדער איז געווען א וייטע וועג. מיין מאמע תחי' האט מיר געזאגט אין צוויי באזונדערע געלעגנהייטן אז די וועג אהין האט גענומען א היבשע פאר שעה, און צומאל געדענקט זי האבן זיי דארט גענעכטיגט אין א דערבייאיגן "מאטעל" ווייל עס איז געווען א שאד די צייט צו פארן אהין און צוריק [הערת המערכת: בוודאי לא הי' בעיר טוסאן עצמו שהלא טוסאן הוא רק בערך 15 מייל ממזרח למערב ובערך 10 מייל מצפון לדרום.] איך פערזענליך געדענק נישט די נסיעה ממש, אדער ווי לאנג עס האט גענומען אנצוקומען אהין, אבער איך געדענק יא אז די קצירה האט זיך אנגעהויבן בערך צעהן – עלעף פארמיטאג און נישט ווייל איך האב געהאט א זייגער נאר ווייל איך געדענק דעם "כצאת השמש בגבורתו" פון די פארמיטאג שעה'ן. ווען מען איז אנגעקומען צום ארט האבן די אידן מיר אנגעזאגט מיט אן ערנסקייט אז די עסן וואס מיין מאמע האט מיר געגעבן זאל איך נאר עסן אינעם קאר נישט ארויסגיין דערמיט, אבער זיי זעלבסט האבן נישט מיטגענומען קיין שום צדה לדרך, איך האב געהאט די הרגשה אז זיי זענען זייער שטרענגע מענשטן.

אבער ווען מען האט אנגעהויבן די ארבעט און יעדער פון זיי האט געדארפט ארויף גיין אויף איינע פון די קאמביין מאשינען האט זיך דערקענט אויך זייער גוטסקייט. דהיינו – די היץ איז געווען זייער הויך און נאר איין קאמביין פון די דריי האבן געהאט א קליינע "ער קאנדישאן" און נאך איידער איך זאל קענען באטראכטן ווער פון די צוויי וועלן האבן די זכיה דערצו, האבן די צוויי אידן מיר געמאכט דעם "יחסן" און מיר געהאלפן ארויף גיין כדי איך זאל ח"ו נישט ליידן פון די היץ.

איך געדענק אויך אז במשך דעם גאנצן הייסן טאג זענען זיי געשטאנען אויף די קאמביין'ס (ווייל עס איז נאר געווען פלאץ צו זיצן פארן דרייווער) מיט די רעקלעך, אז אפילו דער גוי וואס האט געפירט די קאמביין האט זיך געוואונדערט פארוואס זיי מאכן זיך נישט אביסל באקוועמער מיט אויסטוהן דעם רעקל. ער האט מיר געפרעגט צו איז דאס אפשר א אידישער דין אז מען טאר נישט אויסטוהן די אויבערשטע רעקל ?

נאך א פאר שעה בין איך מיד געווארן פונעם קאמביין און געגאנגן זעהן ווי מען פארנייט די זעק מיט די ווייץ, איז מיין טאטע ע"ה מיר געקומען זיכן און מיר גערופן אז יעצט קען איך האבן די זכיה צו רייסן די ווייץ מיט די הענט פארן רבי'ן זצוק"ל (ד.מ. וואס מען וועט ניצן פאר זיינע פריוואטע מצות.) איך בין אוודאי געגאנגען אבער נישט קיין סאך געריסן מערקענדיג אז זיי האבן דאס נישט געוואלט אריין לייגן אינעם זאק ווי זיי האבן געלייגט דאס

וואס זיי האבן געריסן. אבער דאך האט מיין טאטע ע"ה געמאכט אן "עסק" דערפון און פלעגט פארציילן פאר אנדערע אז אויך איך האב געהאט א זכיה צו רייסן ווייץ פארן רבי'ן זצוק"ל.

און נאך מער, מיין טאטע ע"ה האט מיר געזאגט אז צוליב דעם וואס איך האב זיך "מטריח" געווען צורייסן פארן רבי'ן וועט ער פועל'ן ביים רבין זצ"ל אז איך זאל קענען זיין ביים רבינ'ס סדר.

איך ווייס נישט צו ער האט שוין געהאט גערעדט צום רבין דערוועגן אדער נישט, אבער אין יעדענס פאל האב איך נישט באגריפן די חשיבות דערפון און נישט געוואלט פארפאסן צו זיין צוזאם מיט מיינע ברודער וואס איך האב זיי נישט געזעהן א גאנץ יאר. וכמה פעמים האב איך געהערט ווי מיין טאטע ע"ה האט בדויערט אז איך האב פארפאסט די געלעגנהייט.

ווען די ארבעט האט זיך געענדיקט האבן אלע ארבייטער זיך צאמגעקומען ביים "בודקע" פונעם בעל הבית ווי מען האט זיי געטיילט קאלטע ביר וואס איז געלעגן אין שטיקער אייז, און כאטש אלע גוים האבן געטרינקען דעם זעלבן ביר, דאך איז דער בעל הבית געזעצן אינעווייניג און דארט געטרינקען "מעשה פריץ" און זיינע ארבעטער'ס "עבדים" זענען געבליבן אינדערוויסן טרינקענדיג שטייענדיגערהייט, עס איז געווען קענטיג אז עס פאסט אים נישט אפילו צו שטיין אין זייער ד' אמות.

מיין טאטע ע"ה מיט די שלוחים האבן געשמועסט צווישן זיך און אויך מיר געוויזן – אז איך זאל פארשטיין אביסל ווי מען איז זיך באגאנגען מיט אונזערע עלטערן אין מצרים, ובמהרה בימינו בירושלים.

ואסיים בכל הכבוד

**אלטר אליעזר לאווען בן הרב חיים יחזקא' דוב**

---

# דער איד תשכ"ז און תשכ"ח:

**דאס יאהר האבן מיר געשניטן ווייץ אין אריזאנע**

**"אין א געגנט וואו עס רעגנט נישט די גאנצע צייט וואס דער ווייץ וואקסט"**


מודעה מבית מאפה
מצות שמורה
דסאטמאר
המפורסם בכל העולם
מודיעים אנחנו שהשנה קצרנו החטים בארינזא עוד לפני חג השבועות, שאין שם גשם כל זמן גידול החטים, החטים הנן הכי יפות ללא לבוקעות ובצומחות
בית הריחים
נמצא בבית המאפה שלנו
מכונה הדשה המציאה קמה כולת משופרי דשופרי
* * *
מפורסם הוא כמו כן
בור של המים
אשר במרתף בית מאפיתנו
מבור הזה שואבים בכל עת ערב "מים שלנו" המאפשר לנהוג בהם בתכלית השימור בכל חומר הדין.
* * *
בית אופה למצות
שלנו מתוקן בכל השיפורים וההידורים הכי היגייניים והכי חדישים, המצות הנאפות אצלנו מצוינות בטעמן ובאיכותן באופן יוצא מן הכלל
וסגור ומסוגר בכל השנה ואינו משמש רק לאפית מצות
הכל בהוראתו של כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א
כבר אפשר לקבל במאפיתנו
- מצה שמורה משעת קצירה
- מצות פשוטות, — שמורות משעת טחינה.
אחב"י מתבקשים לשלוח מיד את הזמנותיהם כדי להפיק רצון מכל אחד ואחד. משלוחים לכל רחבי ארה"ב וקנדה וגם לאמריקה המרכזית והדרומית.
SATMAR MATZO BAKERY


Friday, January 26, 1968
מודעה
פון דער וועלט בארימטער
סאטמארער מצה שמורה בעקעריי
427 בראדוויי, ברוקלין 11, נ. י.
אויך געשניטען ווייץ אין אריזאנא. אין אריזאנא רעגענט נישט די גאנצע צייט וואס דער ווייץ וואקסט. אזוי אז אין דעם ווייץ געפינען זיך נישט קיין איין אויסגעוואקסענע אדער גע־שפאלטענע. דער ווייץ ווערט ביי אונז אין דער בעקערי געמאלען אויף אונזער אייגענע מיהל. — מיר האבען אויך אן אייגענעם ברונעם אין דער בעקערי פאר מים שלנו.
מיר מאלען שוין ווייץ אויף אונזער ריחיים של יד. מ'קען ביי אונז באקומען מעהל פון ריחיים של יד און אויך מצות פון ריחיים של יד.
דאס פאריגע יאר האבען מיר געבויט 2 נייע אויוועס, אזוי אז נאך פורים וועלען מיר איה"ה איינשטעלן א כתה פון גוטע וועלגערערס מענער. די וואס ווילען האבען או ערשטען אויוון פון מענער מצות, אדער מצות פון די מענער כיתה, זאלען רופען אין צייט צו אונזער מצה בעקערי.
רבנים, קהלות און ישיבות ווערען געבעטען ווי פריער צו שיקען זייערע באשטעלונג, כדי מיר זאלען קענען אלעמען צופרידענשטעלען על צד היותר טוב.
מיר נעמען אן ארדערס צו שיקען איבער דער גאנצער וועלט.
SATMAR MATZOH BAKERY
427 Broadway, Brooklyn, N. Y. 11211
Tel.: 384-8880 — 384-3581


וואך, [illegible] תשכ"ז
מודעה
פון דער וועלט בארימטער
סאטמארער מצה שמורה בעקעריי
427 בראדוויי, ברוקלין 11, נ. י.
מיר לאזען וויסען אלע אינטערעסירטע, אז דאס יאהר האבען מיר געשניטען ווייץ אין אריזאנא, אין א געגענט וואו עס רעגענט נישט די גאנצע צייט וואס דער ווייץ וואקסט. אזוי אז דער ווייץ איז באווארענט קעגען אלע חששות.
איך [illegible] די מצות זייער באזונדערס אין [illegible] זיך אין מזל.
מיר נעמען שוין אן באשטעלונגען פון קהלות, חברות און יחידים. — מען קען קומען זיך איבערצייגען, ווייל מיר האבען שוין אנגעפאנגען במ"ד צו באקען מצות פאר דעם קומענדיגען פסח הבעל"ט.
בכלל, איז דאס באקען לויט די אנווייזונגען פון כ"ק אדמו"ר הגה"ק מסאטמאר שליט"א, וועלכע ווערען שטרענג איינגעהאלטען.
רבנים, קהלות און ישיבות ווערען געבעטען ווי פריער צו מעלדען זייערע באשטעלונג, כדי מיר זאלען קענען אלעמען צופרידענשטעלען על צד היותר טוב.
מיר נעמען אן ארדערס צו שיקען איבער דער גאנצער וועלט.
SATMAR MATZOH BAKERY
427 Broadway, Brooklyn 11, N. Y. Tel.: 387-1203
קהל יטב לב דסאטמאר

# שלמה זלמן גארדאן

ר"מ במתיבתא דבאבוב

יום א' כ"א אדר יומא דהילולא של הרב רבי אלימלך זי"ע ועכ"י

**לכבוד הרה"ג מוהר"ר הרב ........ שליט"א**

אמש קריתי קונטרס של אחד המעוררים על ה"אריזאנא ווייטץ", וראיתי שם הרבה סילופים ועינינים שהם היפך התורה. בבחינת מגלה פנים בתורה שלא כהלכה, ואני יודע שמעכ"ת שליט"א הוא מן המזכי הרבים, שמזכה את הכלל באכילת מצות כשרים מהודרים בלי שום חיטים מצומחים על כן אכתוב למעכ"ת דברי חיזוק, להראות הסילוף והשקרים להלכה מן המתנגדים.

א) קודם כל המציאות שם שכותב שמזלפים מים מלוחים על החיטים וכו' אינו אמת כידוע למעכ"ת שאינם מזלפים "מים מלוחים" מהנהר שם אלא מי באר ואינם מזלפים על "החיטים", כמו שדברתי אתמול עם הרב .... שליט"א בן מעכ"ת.

ב) אבל אפילו להמציאות שם שמזלפים מים מלוחים על החיטים אברר שאינו כלום

ג) וגם מ"ש שם שהחיטים מלוחים נתברר ב"לאבריטארי" שהחיטים פה ניו יארק יותר מלוחים אבל אברר הכל לשטתו.

קודם אברר הדין המבואר בשו"ע סי' תנ"ה סעיף ה' דאין ליתן מלח בעיסה וענין שאין ללוש במים מלוחים, וגם זה "אינו ענין כלל" לשאלה שלנו שמזלפין מים מלוחים על חיטים מחוברים אבל תורה היא, ואכתוב בקיצור נמרץ.

מבואר בטור ובשו"ע סי' תנ"ב סעיף ה' דמנהג אשכנז שלא ליתן מלח בעיסה והטור כתב שאינו יודע איסור ברור אבל לכתחילה אין ליתן מלח בעיסה משום אל תטוש תורת אמך, וכן פסק הרב בשו"ע דלכתחילה אין ליתן מלח בעיסה.

אבל הד"מ כתב דמלח הוה מי פירות ואסור אפילו בדיעבר דמי פירות עם מים ממהרים להחמיץ וכן פסק ברמ"א ומבואר באחרונים דיש שני טעמים דאין ליתן מלח בעיסה א) דהוה מי פירות ב) דמליח כרותח ומחמם העיסה, והנה הטור נקט הטעם דמליח כרותח, משו"ה סתם דאינו יודע טעם ברור. דמליח כרותח אינו אלא כשאינו נאכל מחמת מלחו (ומ"ש הטור סוף סי' תס"ב דמלח הוי כמי פירות עיי"ש בב"ח ואכמ"ל) ממילא אינו אסור אלא לכתחילה, אבל הד"מ סובר הטעם דמלח הוה מי פירות ממילא אסור בדיעבד.

ועיי"ש במג"א דאם נפל (או נתן כמבואר שם בשעה"צ) מותר בדיעבד אם אפה מיד (כדין מי פירות) ובביאור הלכה שם מבואר במלח שלנו הנעשה ממים ודאי אין לו דין מי פירות ומותר בדיעבד אפילו לא אפה מיד (ועיין בשו"ע הרב שאינו מחלק בזה).

ועיין בשו"ת חתם סופר או"ח סי' קכ"ג דכתב דדוקא כשנפל קורט מלח בעיסה אסור אפילו בדיעבד דקורט מחל בעצמו אינו נאכל מחמת מלחו ומחמם אותו מקום בהעיסה (ויכול לעשות כל העיסה חמץ כמ"ש שם) אבל אם נתן מלח במים ונמס שם, ולש במים מלוחים, אם המים מלוחים שיכול לשתות מותר ללוש עם המים שאינו כרותח, ומשמע שם דמותר אפילו לכתחילה כמ"ש החתם סופר דמשו"ה ותיקא שרי (מס' פסחים דף לט.) ומתרץ מה שמביא הר"ן והרא"ש ראי' דמותר ליתן מלח בעיסה מהא דותיקא (שהוא קמח ומלח) שאינו אסור אלא בבישול אבל באפיה שרי ששם מיירי דנותנין המלח במים, משו"ה מותר לכתחילה באפייה עיי"ש בשו"ת חתם סופר סי' קכ"ג, ועיין בב"י וב"ח שם סי' תנ"ה.

עכ"פ מבואר מרבינו החתם סופר זי"ע דמותר ללוש במים מלוחים אם יכול לשתות המים ועיין בשו"ת מהר"ש ענגעל חלק ששי סי' פ"ג מה שכתב בענין מים שטבעו מלוח שמותר ללוש אם אין שם מים אחרים, וצריך לראות כמה כח המלח בהמים עיי"ש, אבל מבואר בחת"ס הנ"ל דאם המים יכול לשתות (אפילו במים שנותנים לתוכו מלח) מותר ללוש עמו ק"ו במים שטבעו מלוח.

ועובדא ידענא דכ"ק מרן אדמו"ר מרדכי שלמה מבאיאן שהי' גאון גדול לש המצות במים שלנו מה"סינק" לכתחילה.

וכל זה שכתבתי הוא לענין "ללוש" עם מים מלוחים שמותר ללוש לחת"ס, ולשטת שו"ת מהר"ש משמע דאינו אלא בשעת הדחק, אבל בנידון דידן שמזלפים מים מלוחים (לפי שטתם שאינו אמת כנ"ל) על החיטים (כנ"ל) והמים מלוחים יכול לשתות וטוב לשתיה (אף לפי שיטתם) ואין שם שום קורט מלח על החיטים, לא מיבעיא להחת"ס דמותר לכתחילה אלא מותר לכו"ע, ואין שום שייכות להשאלה ללוש עם מים מלוחים, דכאן החיטים מחוברים לקרקע וצריכים ליניקה שאינו מחמת כמבאור בב"י או"ח סי' תס"ז בשם שו"ת הרשב"א, ומ"ש שם אחד דאפשר דאינו מחמיץ אלא מחמת גשמים אבל מים מלוחים מחמץ אותם זה הבל, דלא מצינו שום פוסק דמחלק בזה, ולא עוד דהרשב"א (הנ"ל) כתב דהג"מ מס' פסחים דף ל"ג דאחמיץ במחובר מיירי שנתבשל לגמרי ואינו צריכה עוד לקרקע, ושו"ת הרשב"א הנ"ל הוא יסוד להלכה מרווחת בישראל שצריך לקצור החיטים קודם שנתבשל לגמרי ולשטת המערערים אין כאן שום ראי', דאפשר הגמרא דאחמיץ במחובר מיירי שהשקה אותם במים מלוחים אבל מי גשמים אינם מחמיצים אפילו כשנתבשל לגמרי, אלא ודאי כל מחובר אינו יכול להחמיץ [כל שלא נתבשל לגמרי] אפילו ע"י מלח וכו'.

**ממילא סיכום לדינא:**

**א) מותר ללוש במים מלוחים שיכול לשתות לשטת החתם סופר.**

**ב) מה שמזלפים מים שטבעם מלוחים על החטים מחוברים, אם יכול לשתותם ודאי מותר לכו"ע, ואף אם אינו יכול לשתותם מותר לכו"ע דמחובר אינו יכול להחמיץ כל זמן שצריכים לקרקע, כמבואר בשו"ת הרשב"א הנ"ל.**

**ג) ומה שכתבו המערערים בחטים יש בו טעם מלוח, ומדמה אותו ממ"ש הפוסקים דאין להשתמש בשעורים למצות דאין אנו יודעים שיעור חימוץ בשעורים – זה מרפסן איגרא, אדרבא, מדלא כתבו הפוסקים אזהרה חמורה שלא ללוש במים מלוחים (אף שנאכל מחמת מלחו, ואף שקשה מאוד לטעום טעם מלח) שהוא שכיח מאוד, וצריך להיות דין "חדש" שצריכים להביא מומחים וקפילא לטעום החיטים [ואיזה שיעור יש לזה] והוא ממש "חדש" אסור מן התורה.**

**ד) אבל חטים מ"אריזאנא"** (שהם אינם כ"כ מלוחים כמו החיטים בניו יארק) **ואינם מזלפים עליהם** (שאין המים מגיעים להחיטים) **ואינם מים מלוחים, ואין שם חטים מצומחים בכלל הם כשרים ומהודרים למאד.**

**ומה שכתבו המערערים דהמרדכי כתב דהאוכל מצה מלוחה אוכלים חמץ, אוי לנו שהם מגלים פנים בתורה שלא כהלכה, דהמרדכי מיירי שמניח מלח** (קורט מלח) **בהעיסה, ואין בנין כלל וכלל לכל הנ"ל.**

**ה) ממילא הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים שלא הי' גשמים, והנילוס משקה** (הנילוס הי' מים מלוחים) **וגם בשנה השנית שעשו פסח במדבר ואכלו מצות שצמחו בארץ "מלחה"** (דבזמן שהיו ישראל במדבר צמחו המדבריות כמבואר בתוס' מס' חולין פרק כיסוי הדם) **והמצות שנאפו מחיטים של "אריזאנא" מהודרים מאד, ואשרי מעכ"ת שזכה וזיכה את הרבים במצוה הקדוש של אכילת מצה, ויה"ר שיהי חלקי עמך ועם כל הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א.**

בברכת חג כשר ושמח
ידידך הדו"ש
**שלמה זלמן גארדאן**
ר"מ במתיבתא דבאבוב

# עד ראי'

## "... בדקנו הדברים מקרוב ובעיון רב
## ... מצאנו שאין שום בסיס ומקום לפרסום שוא"


**Rabbi Benzion Y. Wosner**
Rosh Beis Din Shevet Halevi
Monsey – Beit Shemesh

**בן ציון יעקב הלוי ואזנר**
אב"ד דבד"ץ ובית הוראה שבט הלוי
מאנסי – בית שמש

11 Emes Lane • Monsey, NY 10952 • (845) 425-4946 • Fax (845) 426-3955


בעזהי"ת אור ליום ב' לס' "**ביום טהרתו**" התשע"א

**כתב אישור**

הננו לאשר בזה, אחרי שפורסם על "**חיטי אריזונה**" שיש בהם ח"ו חשש חמץ גמור, משום תערובת "מלח" במים ובאדמה וכדו', ונתבקשתי ע"י כמה רבנים שליט"א לבדוק את הדבר לאמיתו, ביקרנו במקום שם, ובדקנו הדברים מקרוב ובעיון רב, ובפרט נקיות וטוהר המים, על כל הביטוי ותוצאותיו, ומצאנו שאין שום בסיס ומקום לפרסום שוא הנ"ל, אלא הכל נעשה עצהיו"ט וכדת של תורה בלי שום חשש ופקפוק כ"ד, וכמו שנתבארו פרטי דיניו בתשובתינו בעז"ה.

וראוי לכל איש הירא את ה' ובמצותיו חפץ מאד לסמוך על הרבנים שליט"א המכשירים, ולהשתמש במצות אלו ללא חשש כ"ד ויאכלו ענוים וישבעו לקיים בהם מצוות החג כדת של תורה וכהלכה בהידור רב בדיצה וחדוה.

וע"ז באעה"ח למען כבוד התורה וישראל

בן ציון י. הלוי וואזנר
מאנסי נ.י.
אב"ד דבד"צ ובית הוראה "שבט הלוי"